STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04524

DI MILHOME, DI IDN UN DI IDISHE ASEMBLI

Alex Bittelman

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Paula & Herbert Waxman
in memory of
Annie & Meyer Jacobs, Sam Sagoff and Martha & Sam Waxman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ביטעלמאַן

די מלחמה, די אידן און די אידישע אַסעמבלי

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן-פרייהייט" אַסאָסיאיישאַן

אַרויסגעגעבן פון דער
מאָרגן־פרייהייט אַסאָסיאיישן
ניו־יאָרק 1943
PRINTED IN U.S.A.

I

די לאַגע פון די אידן און דער גאַנג פון דער מלחמה

עס איז דאָ ביי אונז אַ נייגונג צו באַטראַכטן די לאַגע פון די אידן און דעם גאַנג פון דער מלחמה ווי צוויי באַזונדערע זאַכן. ביי אַ סך אָנגעזעענע אידישע פירער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ מאָדנע געוואוינהייט, קען מען זאָגן, צו באַהאַנדלען די פראַגע פון ראַטעווען די אידן פון די נאַציס ווי אַ זאַך וואָס איז ניט אינגאַנצן פאַרבונדן מיט דער מלחמה געגן די נאַציס און מיט דער נויטיגקייט די נאַציס צו באַזיגן. מען זאָגט אַזוי: ראַטעווען די אידן פון די נאַציס — דאָס מוז מען טאָן גלייך. וואָס אָנבאַלאַנגט דער מלחמה, מיט דעם מעג מען זיך ניט שטאַרק איילן, אויב מען וויל. און דאָס איז אַ גרויסער טעות.

דעריבער איז נויטיג גלייך אין אָנפאַנג פעסטצושטעלן דעם געדאַנק, אַז מען קען ניט און מען טאָר ניט אָפּזונדערן דעם קאַמף צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון דעם קאַמף צו געווינען די מלחמה. אָן דעם זיג איבער די נאַציס, איבער דעם פאַשיזם און איבער דער אַקס, וועט ניט זיין קיין אידיש פאָלק. און דאָס אידישע פאָלק האָט שוין בייגעטראָגן, און קען נאָך בייטראָגן פיל מער צו דערגרייכן דעם זיג. אין אַנדערע ווערטער, די פראַגע פון ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק איז אַ פראַגע פון פאַרשנעלערן דעם זיג איבער די נאַציס.

אין פאַרבינדונג מיט דעם, מוז מען אויך וואָרענען, אַז מען טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אין קיין פאַלשן אָפּטימיזם. מען טאָר ניט זיין זעלבסטצופרידן. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז כאָטש דער שונא איז איצט פיל שוואַכער ווי ער איז געווען, און אונזער צד איז פיל שטאַרקער, פונדעסטוועגן בלייבט נאָך אַלץ איבער פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער די גרויסע און שווערע אויפגאַבע צו צעשמעטערן דעם שונא׳ס מיליטערישע מאַכט. דעם זיג דאַרף מען ערשט דערגרייכן.

מיר קומען אַלזאָ צו דער הויפּט־פראַגע פון דעם איצטיגן מאָמענט. די פראַגע וועגן דעם, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן צו פאַרשנעלערן דעם זיג. דאָ דאַרף מען פריער פאַר אַלץ פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אָנהויבנדיג אָן ערך מיט נאָוועמבער, 1942, האָט זיך די וועלט־לאַגע

ראַדיקאַל געענדערט לטובת אונזער צד און צום שאָדן פון דעם שונא.

דאָס איז געקומען פריער פאַר אַלץ א דאַנק דער גרויסער און מעכטיגער אָפּענסיווע פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט געקאָסט די נאַציס העכער אַ מיליאָן סאָלדאַטן אין טויטע און געפאַנגענע, און האָט צוריקגעוואונען פון די נאַציס 185,000 סקווער מייל פון סאָוועטן־לאַנד; עס איז געקומען די לאַנדונג פון אַמעריקאַנער און ענגלישע קרעפטן אין נאָרט־אַפריקע; גלייכצייטיג האָבן די אַמעריקאַנישע קרעפטן אינעם פּאַסיפיק באַדייטנדיג פאַרשטאַרקט זייערע פּאָזיציעס. און צו דער זעלבער צייט האָבן די פעלקער פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער געוואונען אַרויסווייזן, אַז זיי זיינען גרייט און פאַרטיג אָנצופאַנגען אַן אַנטשיידנדיגן קאַמף געגן זייערע אונטערדריקער.

צוזאַמען מיט דער מיליטערישער פאַרשטאַרקונג פון אונזער צד האָט זיך אויך געשטאַרקט זיין פּאָליטישע לאַגע. דאָס האָט מען געקענט זען פון דעם, ווי די באַציאונגען צווישן אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד — די קאָאַליציע, וואָס פירט אָן מיט דעם קאַמף פון די פאַר־אייניגטע מלוכות — זיינען געוואָרן אַלץ ענגער און בעסער און וואָס דער פּרעסטיזש פון די פאַראייניגטע מלוכות צווישן די פעלקער פון דער וועלט איז באַדייטנדיג געשטיגן.

די לאַגע איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך גינסטיג פאַר דער דערעפענונג פון דעם צווייטן פראָנט אויפן קאָנטינענט פון אייראָפּע. כמעט יעדער איינער האָט עס געזען. אונזער צד האָט עס געזען און דער שונא האָט עס געזען. מען האָט געזען, אַז די באַלדיגע דערעפענונג פון דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע וואָלט געמיינט אַ שנעלן און זיכערן זיג אין 1943.

אָבער דער צווייטער פראָנט איז נאָך ניט געקומען. דער צווייטער פראָנט איז נאָך ניטאָ. און דער רעזולטאַט איז, אַז די מלחמה פאַרציט זיך, אַז די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן.

וואָס מיינט עס אַזוינס, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך? עס מיינט, אַז דער חורבן פון דער מלחמה ווערט גרעסער; אַז די צאָל קרבנות, וואָס די פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער מוזן ברענגען פאַר דעם זיג, שטייגט און אַז פרישע טויזנטער און צענדליגער טויזנטער, אויב נישט הונדערטער טויזנטער אידישע לעבנס ווערן אומגעבראַכט פון די נאַציס. עס מיינט אין פּשוט'ע ווערטער, אַז די געפאַר ווערט אומגעהויער גרעסער, אַז גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק זאָלן אומקומען.

דער פאַקט, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך ווייל ס'איז נאָך ניטאָ קיין צווייטער פראָנט, האָט אויך געבראַכט צו דעם, אַז דער פינפטער קאָלום, די דעפּיטיסטן און די אַנטיסעמיטן ביי אונז אין לאַנד זאָלן זיך שטאַרקן,

זאָלן קריגן מער מוט אָנצוגיין מיט זייערע פאַרשווערונגען. דאָס קען זען יעדער איינער ביי אונז אין לאַנד.

עס איז אַ פאַקט, אַז העצעס געגן אידן און אַנטיסעמיטישע אַרויס־טרעטונגען פון פאַרשיידענע סאָרטן האָבן זיך פאַרשטאַרקט און אויס־געברייטערט איבערן גאַנצן לאַנד. עס איז אַ פאַקט, אַז דיסקרימינאַציעס געגן אידן זיינען געוואַקסן. און דאָס שטייט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך צוליב דעם וויל מיר האָבן נאָך ניט קיין צווייטן פראָנט. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז עס איז געלונגען דעם פינפטן קאָלום און די דעפיטיסטן אויפצוהייבן אַ געפערלעכע קאַמפּאַניע געגן די אַרבעטער און זייערע טרעיד־יוניאָנס. עס איז אַ פאַקט, אַז עס איז זיי געלונגען אַריינצוברענגען ערנסטע שוועריגקייטן אין דער קריגס־אינדוסטריע און אין דער עקאָנאָמישער מאָביליזאַציע אין לאַנד פאַר דער מלחמה.

די ערנסטע געפאַרן, וואָס עקזיסטירן היינט צו טאָג פון אַ גרויסער אינפלאַציע, זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישן סאַבאָ־טאַזש פון די דעפיטיסטן און פון יענע קאַפּיטאַליסטישע קרייזן, וואָס לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון די דעפיטיסטן. דאָס איז אויך די דערקלערונג פאַר דעם, וואָס מיר לעבן איצט איבער פאַרשיידענע שוועריגקייטן אויפן געביט פון שפּייז־פאַרזאָרגונג פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג.

אָבער נאָך געפערלעכער איז דער פאַקט, וואָס עס איז געלונגען דעם פינפטן קאָלום און זיינע פאַרבינדעטע אַריינצוטראָגן אַ היבשע מאָס דעמאָראַליזאַציע אין דער דורכפירונג פון אַמעריקע׳ס פּאָליטיק בנוגע די פאַראייניגטע מלוכות און הויפּטזאַכלעך בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד. די דעפיטיסטן האָבן זיך פאַרמאָסטן צו צעקנאַקן די הויפּט־פּאָליטיק פון אונזער רעגירונג און פון אונזער לאַנד בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד, וואָס דאָס מיינט צו צעשמעטערן דעם סאַמע פונדאַמענט אויף וועלכן מיר קענען בויען און דערגרייכן דעם זיג איבער אונזערע שונאים. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס די מלחמה פאַרציט זיך, און זי פאַרציט זיך אין דעם איצטיגן מאָמענט בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן נאָך ניט דעם צווייטן פראָנט.

אָט פון דעם שטאַנדפּונקט — און הויפּטזאַכלעך פון דעם שטאַנד־פּונקט — דאַרף מען באַטראַכטן דעם זין און די באַדייטונג פון דער גאָר לעצטער העצע געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס די פירער פון „פאָר־ווערטס” און זייערע פאַרבינדעטע האָבן אויפגעהויבן ווען זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ריינצווואַשן און פאַרטיידיגן די צוויי פאַררעטער ערליך און אַלטער.

וואָלט זיך עס געהאַנדלט בלויז וועגן דעם, וואָס אַ קליינע גרופּקע סאָוועטן־האַסער צווישן אידן וויל זיך אידענטיפיצירן מיט צוויי פאַררעטער, וואָלט מען דעם ענין אפשר געקענט פאַרבייגיין בלויז מיט אַ באַמערקונג. אָבער עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ פיל ערנסטערער זאַך. די אַנטי־סאָוועטישע ערליך־אַלטער־קאַמפּאַניע פון די פירער פון „פאָרווערטס" איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער פאַרשווערונג פון די דעפּיטיסטן פון אַמעריקע — די הוירסטס, מעקאָרמיקס, פּעטערסאָנס און ענלעכע — אָפּצושוואַכן די קריגס־פירונג פון לאַנד, אָפּרייסן אַמעריקע פון אירע פאַרבינדעטע, פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון ענגלאַנד, צו צעשמעטערן און צעברעכן די וויכטיגסטע פאַרזיכערונגען און באַדינגונגען וואָס קענען ברענגען דעם זיג איבער אונזערע שונאים. אָט דערפון נעמט זיך די גרויסע געפאַר פון דער איצטיגער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע, וואָס די „פאָרווערטס"־פירער און זייערע פאַרבינדעטע האָבן אויפגעהויבן דאָ אין לאַנד.

עס איז נאַטירלעך ניט קיין צופאַל, וואָס די אַנטי־סאָוועטישע קליקע אין דעם „פאָרווערטס" פירט איצט אָן אַזאַ געפערלעכע קאַמפּאַניע געגן די אינטערעסן פון אַמעריקע און פונעם אידישן פאָלק. די דאָזיגע קאַמפּאַניע איז אין פולן איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער אָריענטאַציע פון דער דאָזיגער גרופּע, און איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון איר גוט־באַקאַנטער פּראָגראַם פון אונטערגראָבן און צעשמעטערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר מיינען דאָ דאָס פּראָגראַם פון שטירצן די סאָוועטן־רעגירונג, וואָס די דאָזיגע קליקע האָט פאַרעפנטלעכט אין יולי 1941, כמעט גלייך נאָך דער היטלער־אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און וואָס כאַנין האָט שפּעטער איבערגעזאָגט אין זיין באַרימטן בריוועלע צו אַ פריינט, אַז מען דאַרף „צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים", אַז אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה און מיט אַמעריקאַנער געווער „וועט אויך דער סטאַלין־רעזשים צעשאָסן ווערן".

עס איז צייט, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט און די אַמעריקאַנער אידן בכלל זאָלן קלאָר פאַרשטיין, וואָס די דאָזיגע קליקע באַצוועקט. פאַר די דאָזיגע שונאים פון אונזער פאָלק איז דער קאַמף געגן די נאַציס און געגן פאַשיזם ניט מער ווי אַ ביי־זאַך. זייער הויפּט־צוועק אין דער מלחמה איז ניט די פאַרניכטונג פון פאַשיזם און פון די נאַציס, נאָר די פאַרניכטונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער ווי זיי דריקן זיך אויס, די פאַרניכטונג פונעם באָלשעוויזם. דאָס האָבן זיי באַשטעטיגט נאָכאַמאָל דורך וויינבערג'ן און אַבראַמאָוויטש'ן אויף דער פולער זיצונג פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט. זיי האָבן דאָרט באַשטעטיגט, אַז זיי ווילן אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

גלייך נאָך היטלער׳ס אַטאַקע אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין יוני 1941, האָט די דאָזיגע קליקע — דורך דער אַזוי־גערופענער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פעדעראַציע” און דורך דעם „פאָרווערטס” — אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז הילף פאַר רוסלאַנד קען אַמעריקע געבן בלויז אויף געוויסע באַדינגונגען. און די באַדינגונגען זיינען געווען ניט מער און ניט ווייניגער, אַז דער סאָוועטן־רעזשים זאָל זיך אויפלייזן און מיט אים זאָלן זיך אויך אויפלייזן די קאָמוניסטישע פאַרטייען פון אַלע לענדער. אויף זייער לשון האָט עס געהייסן „קאָנדישאָנאַל סופּאָרט”. ווען זיי האָבן אָבער דערזען, אַז דאָס לאַנד וויל אַפילו ניט הערן פון אַזעלכע זאַכן, האָבן זיי כלומרשט אָנגענומען די פּאָליטיק פון לאַנד, אַז מען דאַרף שטיצן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די רויטע אַרמיי. אָבער דאָס איז בלויז געווען לפנים. אין דער אמת׳ן האָט מען געטאָן אַלץ וואָס מען האָט געקענט, כדי די דאָזיגע הילף צו סאַבאָטאַזשירן. מען איז באַפאַלן דעם ראָשיען וואָר רעליף און מען האָט אים געזוכט אונטערצוגראָבן.

ווען דאָס איז ניט געלונגען, האָט מען כלומרשט שלום געמאַכט מיט ראָשיען וואָר רעליף און מען האָט אַפילו דערקלערט, אַז מען וועט זאַמלען געלט פאַר דעם צוועק. אַ ביסל געלט האָט מען געזאַמלט, אָבער אַ נישטיגע סומע. צו דער זעלבער צייט האָט מען געפירט אַ העסלעכע קאַמפּאַניע געגן דעם אידישן קאָונסיל פון ראָשיען וואָר רעליף, אויפן גרונט אַז מען דאַרף ניט האָבן קיין ספּעציעלע אידישע אָרגאַניזאַציע, כאָטש די אידן פון אַמעריקע האָבן דאָס געוואָלט און ברייטע מאַסן פון אידישן פאָלק האָבן עס געשטיצט.

אָבער נאָך קלאָרער האָט זיך אַרויסגעוויזן די פאַררעטערישע ראָלע פון די סאָוועטן־האַסער אין „פאָרווערטס” אין דער פראַגע פון דעם צווייטן פראָנט. סיסטעמאַטיש און כמעט אָן אַן אויפהער האָט מען דאָרטן אַטאַקירט יעדן איינעם, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַ צווייטן פראָנט און אַ שנעלן זיג איבער היטלער׳ן.

מען האָט דאָרט געפּריידיגט און מען פּריידיגט נאָך ביז היינט צו טאָג אַ לאַנגע און׳ פאַרצויגענע מלחמה. אַי, דאָס שטעלט אין געפאַר אונזער זיג אין דער מלחמה? — דאָס גייט דעם „פאָרווערטס” ניט אָן. און דאָס וואָס אַ פאַרצויגענע מלחמה האָט געמיינט און מיינט נאָך היינט צו טאָג גרעסערע און שווערערע קרבנות פונעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק, דאָס אַרט דעם „פאָרווערטס” אויך ניט. און דאָס וואָס אַ פאַרצויגענע מלחמה מיינט פרישע צענדליגער און הונדערטער טויזנטער אומגעבראַכטע אידישע לעבנס אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער, דאָס אַרט דעם „פאָרווערטס” אויך ניט. אַבי נאָר אַ פאַרצויגענע מלחמה.

פאַרוואָס אַ פאַרצויגענע מלחמה? ווייל דאָס — אַזוי גלויבן די סאָוועטן־האַסער אין „פאָרווערטס" און זייערע פאַרבינדעטע — וועט אָפּשוואַכן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועט מעגלעך מאַכן צו צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים. און דאָס האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע פון אַמעריקע (וועלכע איז אַ „פאָרווערטס"־גרופּע אויף דער ענגלישער שפּראַך) פאָרמולירט אַלס איר פּראָגראַם אין יולי 1941, און דאָס האָט דער „פאָרווערטס" געפּריידיגט די גאַנצע צייט און פּריידיגט נאָך היינט צו טאָג.

ערשט מיט אַ וואָך צוריק, אין דעם „פאָרווערטס" פון זונטאָג, דעם 4טן אַפּריל, זוכנדיג צו באַרואיגן די „פאָרווערטס"־לייענער „פאַרוואָס קומט היטלער'ס מפּלה ניט גיכער", זאָגט זיך אב. קאַהאַן אָפּ אַזעלכעס:

„ווען דיזע ווערטער ווערן געשריבן, ערוואַרטעט מען, אַז אַ וואָך פריער אָדער אַ וואָך שפּעטער וועט דער ענגלישער גענעראַל מאָנטגאָמערי, מיט דער הילף פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, פעלד־מאַרשאַל ראָמעל'ס אַרמיי ווירקלעך פאַרטרייבן אין ים אַריין, און ווען עס זאָל זיך אַפילו פאַרציען אויף לענגער וואָלט אויך קיין געפאַר ניט געווען."

ניין, זאָגט קאַהאַן, אַז די מלחמה וועט זיך פאַרציען לענגער איז ניטאָ קיין געפאַר. פאַרוואָס? דעם ענטפער ווייסן מיר. קאַהאַן און זיינע פאַרבינדעטע גלויבן נאָך אַלץ, אַז אַ פאַרצויגענע מלחמה וועט מאַכן לייכטער פאַר זיי דורכצופירן דעם פאַרעטערישן צוועק פון „צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים".

פון דעם אַליין קען מען שוין זען די גרויסע וויכטיגקייט פון דער דערקלערונג, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן פון אוירל בראַודער, דעם פירער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע, בנוגע די פאַרשווערונגען פון דער דאָזיגער קליקע. ווי אייך איז שוין באַקאַנט, האָט אוירל בראַודער קלאָר פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיגע קליקע שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָרגאַניזירטע פאַרשווערונג אין אַמעריקע, וואָס זוכט צו צעברעכן אונזער פאַרבינדונג מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס פירט אַן אומגעזעצלעכע אַרבעט אויפן אַמעריקאַנער באָדן מיטן צוועק צו העלפן שטירצן די סאָוועטן־רעגירונג, — אַ פאַרשווערונג געגן די אינטערעסן פון אונזער לאַנד, געגן אירע פאָרמעלע אָפּמאַכן מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע פאַרבאָטן אַזעלכע טעטיגקייטן אויף דער טעריטאָריע פון ביידע לענדער געגן וועלכער עס איז פון ביידע רעגירונגען; אַ פאַרשווערונג, וועלכע איז אין עצם פאַרראַט צו די פאַראייניגטע שטאַטן. ניט אומזיסט איז מען אין „פאָרווערטס" געוואָרן אַזוי היסטעריש וועגן דער דאָזיגער דערקלערונג. זי האָט געטראָפן גלייך אין פונקט.

עס איז דעריבער אויך ניט קיין צופאַל, וואָס די אַנטי־סאָוועטישע

קאמפּאניע פון „פֿאָרווערטס" האָט זיך אָנגעקניפּט און פאַרבונדן מיט די אַנטי־סאָוועטישע העצעס פון די פּוילישע אימפּעריאַליסטן און פּאָגראָמ־שטשיקעס דאָ אין אַמעריקע. עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס הלל ראָגאָף און די אַנדערע פון די סאָוועטן־צעשיסער האָבן גוטגעהייסן די שטעלונג פון דער בעק־סמיגלי רעגירונג אין פּוילן, וועלכע האָט מיט־געאַרבעט מיט טשעמבערלעין'ען צו ברענגען דעם מינכען־פאַרראַט — דעם פאַרראַט, וואָס האָט געבראַכט צום איצטיגן קריג און וועלכער האָט געפירט צו דער פאַרשקלאַפונג פון פּוילישן פאָלק. עס איז אויך ניט געווען קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע קליקע האָט געשטיצט מאַנערהיימ'ען אין פינלאַנד און שטיצט איצט די פינלענדישע רעגירונג געגן די פאַר־אייניגטע מלוכות און געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

פון דעם אַלעמען איז שוין קלאָר, פאַרוואָס די העצער געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרשווערער געגן אַמעריקע אַרבעטן מיט אַלע כחות געגן אידישער פאָלקס־אייניגקייט. זיי ווייסן זייער גוט, אַז די אידישע פאָלקס־אייניגקייט מיינט אייניגקייט פאַרן זיג איבער היטלער'ן. עס מיינט אייניג־קייט פאַר דער ענגסטער פאַרבינדונג און פריינטשאַפט צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס מיינט ענגע פריינטשאַפט און פאַרבינדונג צווישן די אַמעריקאַנער אידן און די סאָוועטישע אידן. און דאָס טויג ניט דעם „פֿאָרווערטס". עס פּאַסט זיך ניט אַריין אין זיין פּאָליטיק, מחמת אידישע אייניגקייט מיינט אַ שנעלער זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות, אַ שנעלער זיג און אַ דויערנדע מיטאַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע, סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד נאָכן זיג. און דאָס טויג נישט פאַר די „פֿאָר־ווערטס"־פירער, מחמת די דאָזיגע גרופּע וויל „צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים". זי וויל, אַז אַמעריקע זאָל פירן מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערפאַר איז דער „פֿאָרווערטס" געגן אידישער אייניגקייט.

ס'איז כדאי צו באַמערקן פאַרבייגייענדיג, אַז לכתחילה האָט זיך די דאָזיגע קליקע געהאַלטן ביי דער ליניע, אַז אַמעריקע דאַרף זיין פאַרבונדן מיט ענגלאַנד און ניט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז געווען געבויט אויף דעם געדאַנק, אַז דער איצטיגער קריג דאַרף געפירט ווערן פון די אַזוי־גערופענע אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און אַז די לענדער דאַרפן ווערן די באַלעבאַטים פון דער וועלט נאָך דער מלחמה. אָבער ווען דער „פֿאָר־ווערטס" האָט דערזען, אַז דאָס ענגלישע פאָלק, פּונקט ווי דאָס אַמערי־קאַנער פאָלק, וויל אפילו ניט הערן פון אַזעלכע זאַכן, און אַז איבערהויפּט אין ענגלאַנד איז די פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד אומגעהויער שטאַרק, האָבן זיך די צעשיסער פון דעם סטאַלין־רעזשים גענומען אָפּקילן אפילו צו ענגלאַנד. ווען איר וועט זיך צוקוקן וועט איר באַמערקן, אַז

אין די לעצטע חדשים און וואָכן האָט מען אַפילו וועגן ענגלאַנד שוין גענומען רעדן אין „פאָרווערטס" אַנדערע דיבורים. מען האָט זיך אַרומגעקוקט, משמעות, אַז דאָס ענגלישע פאָלק און אויך די ענגלישע רעגירונג האַלטן זיך ניט ביי דער „פאָרווערטס"־פאָליטיק פון צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים, נאָר פאַרקערט, זיי האַלטן זיך זייער שטאַרק ביי דעם געדאַנק פון אַליאַנץ און ענגערער און נאָענטערער פריינטשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פאַר אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף אויף די שלאַכטפעלדער.

אַזוי אַרום האָט זיך די „פאָרווערטס"־ליניע גענומען בייטן. זי האָט זיך גענומען בייטן אין דעם זין, אַז זייער האָפענונג צו צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים ליגן זיי איצט הויפּטזאַכלעך אויף אַמעריקע, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וועט דאַרפן דורכפירן די דאָזיגע אויפגאַבע. און וואָס איז דער רעזולטאַט? דער רעזולטאַט איז, אַז די „פאָרווערטס"־קליקע האָט זיך גענומען אָנקניפּן און אָנבינדן צו דער זעלבער פּאָליטישער אָריענטאַציע, וועלכע הערשט אין די רייען פון דעם פינפטן קאָלום אין אַמעריקע — די אָריענטאַציע, וועלכע וויל אָפּשפּאַלטן די פאַראייניגטע שטאַטן ניט נאָר פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך פון ענגלאַנד, און מיט וועלכן צוועק? מיטן צוועק צו אָפּזונדערן אונזער לאַנד פון זיינע הויפּט־פאַרבינדעטע, מאַכן אַזוי אַרום אוממעגלעך אַז אַמעריקע זאָל קענען זיגן אין דער מלחמה, און דורך דעם אַרויפצווינגען אויפן לאַנד די פּאָליטיק פון מאַכן שלום מיט היטלער'ן, די פּאָליטיק פון אַ „נעגאָשיעיטעד פּיעס", די פּאָליטיק פון אונטערגעבן זיך די פאַשיסטן. אין אַנדערע ווערטער, די פּאָליטיק פון פּעטען, לאַוואַל און קוויזלינג. אָט צו דער דאָזיגער פאַררעטערישער פּאָזיציע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט די „פאָרווערטס"־קליקע און אירע פאַרבינדעטע אַלס רעזולטאַט פון זייער אַנטי־סאָוועטישער שטעלונג.

* * *

פון דעם אַלעמען מוזן מיר מאַכן דעם פאָלגנדיגן שלום. צוליב דעם, וואָס די גינסטיגע לאַגע פאַר אַ שנעלן זיג איז נאָך ניט אויסגענוצט געוואָרן, און וואָס דער צווייטער פראָנט איז נאָך ניט געעפנט געוואָרן, האָט זיך די מלחמה פאַרצויגן און זי האַלט זיך אין פאַרציען. אַלס רעזולטאַט פון דעם וואַקסן גרויסע געפאַרן, געפאַרן פאַר אונזער לאַנד, געפאַרן פאַר די פאַראייניגטע מלוכות, גרויסע געפאַרן פאַר דעם אידישן פאָלק. עס שטייגט אַ שמוציגע אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פאַרבינדונג מיט דעם אויפשוואונג פון אַלערליי דעפיטיסטישע פאַרשווערונגען. עס ווערן דעריבער אויך גרעסער די געפאַרן פון דער אַנטי־סאָוועטישער העצע, וואָס די „פאָרווערטס"־קליקע פירט אָן. די העצעס זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע

געפאַרן, וועלכע מוזן באַגעגנט ווערן אויף אַ שנעלן און ווירקזאַמען אופן.

פון דעם דרינגען אַרויס אַ גאַנצע ריי דרינגענדיגע און ברענענדיגע אויפגאַבן פאַרן גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק און פאַר די אַמעריקאַנער אידן אַלס אַ טייל פון אַמעריקע. כדי צו דערפילן אונזער חוב צו אַמעריקע און צו דעם אידישן פאָלק אין דעם איצטיגן מאָמענט, מוז מען גלייך אונטערנעמען און ענערגיש דורכפירן די פאָלגנדיגע אויפגאַבן.

1. פאַראייניגן די כחות פון די אַמעריקאַנער אידן אין דער פאַטריאָטישער איינינגקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק מיט דעם צוועק צו פאַרשטאַרקן דעם אידישן ביישטײַער צו דער מלחמה און צו דעם זיג, — צו פאַרשטאַרקן אונזער אידישן מלחמה־ביישטײַער אויף אַלע געביטן.

2. דער קאַמף געגן דעם וואַקסנדיגן אַנטיסעמיטיזם דאָ אין לאַנד דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צענטראַלער אויפגאַבע פון אַלע פאַטריאָטישע כחות פונעם אַמעריקאַנער פאָלק, כדי צו באַזיגן די דעפּיטיסטן און דעם פינפטן קאָלום. פאַר דעם צוועק מוז מען אַנטוויקלען ברייטע קאַמפּאַניעס, וואָס זאָלן שטיצן די פאַרשיידענע געזעץ־פּראָיעקטן געגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכע זיינען שוין אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאָנגרעס (די פאָרשלאַגן פון קאָנגרעסמאַן דיקשטיין, סעלער, און אַנדערע), און מען דאַרף שטרעבן דערצו, אַז אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטישע טעטיגקייטן זאָלן געשטעלט ווערן אויסער דעם געזעץ.

3. די וויכטיגסטע און דרינגענדיגסטע אויפגאַבע פון דעם מאָמענט איז צו זען, אַז דער צווייטער פראָנט זאָל באַלד געעפנט ווערן. מיר מוזן העלפן מאָביליזירן אַלע כחות כדי די אַמעריקאַנער רעגירונג זאָל קענען פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ אין קאַסאַבלאַנקאַ, אַז די אָפענסיווע אין נאָרט־אַפריקע זאָל פאַרשטאַרקט ווערן און אַז דער צווייטער פראָנט אין אייראָפּע זאָל וואָס שנעלער געעפנט ווערן.

4. מען דאַרף שטיצן מיט אַלע כחות דאָס פּראָגראַם פון ראַטעווען אידן פון דעם נאַצי־גיהנום, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם גרויסן פאָלקס־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

5. מען דאַרף באַקעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן די אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניעס פון דעפּיטיסטן און פינפטע קאָלומניקעס. אידישע פירער און אָרגאַניזאַציעס דאַרפן מאַכן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען צו באַקעמפן די אַנטי־סאָוועטישע העצעס, וואָס ווערן געפירט פון דער „פאָרווערטס"־קליקע און אירע פאַרבינדעטע, און מען דאַרף ענערגיש שטיצן בראַודער'ס דערקלערונג וועגן דער אומגעזעצלכקייט פון די העצעס. מען דאַרף אַרבעטן מיט אַלע כחות פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער קאָאַליציע צווישן אַמעריקע ,ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר ענגערע פאַר־

בינדונגען און פריינטשאפט צווישן אמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר פריינטשאפט און מיטאַרבעט צווישן די אידן פון אמעריקע און די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

6. עס איז נויטיג אויסצוברייטערן און פארשטאַרקן אמעריקאַנער הילף אין אַלע פאָרמען פאַר דער רויטער אַרמיי, די אַרמיי וואָס טראָגט נאָך אַלץ די הויפּט־לאַסט פון דער מלחמה.

7. מען דאַרף ברענגען אויף א ווירקזאַמערן אופן הילף און שטיצע פאַר די מלחמה־אָנשטרענגונגען פון דעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע. אין פאַרבינדונג דערמיט דאַרף מען ספּעציעל שטיצן זיינע פאַרלאַנגען צו אַנטוויקלען ברייטער די מלחמה־אינדוסטריען אין פּאַלעסטינע און מען דאַרף אויך זען, אַז אידישע פליכטלינגען, וואָס ווילן קומען קיין פּאַלעסטינע, זאָלן קריגן פאַר דעם די נויטיגע מעגלעכקייטן.

8. מען דאַרף סיסטעמאַטיש בויען און באַפעסטיגן געמיינשאַפטלעכע אידישע אַקציעס און אידישע פּאָלקס־איינגקייט אין אַמעריקע פאַר די דאָזיגע דרינגענדע און צענטראַלע אויפגאַבן.

II

גרויסע מעגלעכקייטן און ערנסטע שטערונגען אין דער באַוועגונג פאַר אידישער איינגקייט

אין דער וואַקסנדיגער באַוועגונג פאַר אידישער פּאָלקס־איינגקייט אין אַמעריקע אויף צו העלפן געווינען די מלחמה, האָבן מיר היינט צו טאָג ביידע זאַכן — אי גרויסע מעגלעכקייטן פאַר דערפאָלג, אי גרויסע געפאַרן אַט דעם דערפאָלג צו שטערן. דאַרף מען דעריבער רעדן וועגן ביידע. און און ווען מען טוט דאָס, קריגט מען דאָס פאָלגנדיגע בילד.

1. די איינגקייט־כחות אינעם אידישן פאָלק אין אַמעריקע פאַנגען אָן קריגן די אויבערהאַנט, כאָטש מען מוז אונטערשטרייכן, אַז ניט נאָר האָט זיך די געגנערשאַפט פאַרשטאַרקט, נאָר עס האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט אין די לעצע עטלעכע וואָכן די וואַקלענישן מצד די שוואַכערע עלעמענטן אין אונזער פאָלק. עס איז א פאַקט, אַז דער באַשלוס פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ וועגן צונויפרופן א נאַציאָנאַלע אידישע אַסעמבלי, וועלכע זאָל אויסדריקן און אָרגאַניזירן די אידישע פּאָלקס־איינגקייט, האָט שוין געקראָגן די ברייטסטע שטיצע ביי פאַרשיידענע אידישע אָר־

גאַניזאַציעס און גרופּירונגען. און ווען מען האָט אין זינען, אַז די פּיטס־בורגער קאָנפערענץ ווי אויך דער באַשלוס פאַר אידישער אַסעמבלי זיינען געקומען צו שטאַנד אין דער אָנוועזנהייט פון אַ געוואַלדיגער געגנער־שאַפט און שנאה מצד די „פאָרווערטס”־פירער און זייערע פאַרבינדעטע אין דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, מוז מען קומען צום שלוס, אַז יענע עלעמענטן אינעם אידישן לעבן פון אַמעריקע, וואָס ווילן האָבן אידישע איינינגקייט, הויבן אָן קריגן די אויבערהאַנט ביי אונז.

אמת, צווישן די עלעמענטן, וואָס האָבן באַשאַפן דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פאַר דער אידישער אַסעמבלי, זיינען דאָ מענטשן וואָס האַלטן ניט צו שטאַרק פון פולשטענדיגער אידישער איינינגקייט. עס איז קלאָר, אַז איינינגע פירער פון די פּועלי־ציון, ווי צום ביישפּיל, אַזעלכע מענטשן ווי סיגעל, העמלין און ווערטהיים, כאָטש זיי זיינען אַ טייל פון דער אידי־שער איינינגקייט־באַוועגונג און פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי און זיינען אַזוי־אַרום געבונדן צו אַ פּאָליטיק פון אידישער איינינגקייט, פונדעסטוועגן אַרבעטן זיי גאַנץ באַשטימט געגן דער פאַרווירקלעכונג פון פולשטענדיגער אידישער איינינגקייט. ביי זיי הייסט עס, אַז זיי קעמפן געגן די אידישע קאָמוניסטן — און אידישע קאָמוניסטן, אויב איר ווייסט עס נאָך ניט, זיינען ניט קיין אידן, לויט דער מיינונג פון די דאָזיגע גוואַלדאָוונע פּאָליטיקער. אָבער עס איז קוים נויטיג צו באַווייזן היינט צו טאָג, אַז „רעד־בעיטינג” איז איינער פון די געפערלעכסטע אינסטרו־מענטן געגן פאָלקס־איינינגקייט. דאָס איז אמת בנוגע דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינינגקייט בכלל און אויך בנוגע דער אידישער פאָלקס־איינינגקייט בפרט.

וועגן די דאָזיגע אידישע פירער און אידישע פּאָליטיקער, מישטיינס געזאָגט, וואָלט מען איצט געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר פּשוט'ע ווערטער. מ'וואָלט געדאַרפט זאָגן אַזוי: ווען חלילה אַזאַ חברה וואָלטן געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון אַ אידישער מלוכה און וואָלטן מיט איר רעגירט, וואָלטן זיי זי פאַרשפּילט אין 24 שעה. זיי וואָלטן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פּונקט אַזעלכע קאָמפּעטענטע פאַרטיידיגער פון אַ אידישער מלוכה, ווי די בעק־שמיגלי באַנדע איז געווען אין פּוילן. און ווען מען זאָל לאָזן די דאָזיגע פיינע חברה צופיל באַלעבאַטעווען אין די ענינים פונעם אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע, וואָלטן זיי דעם פּאַלעסטינער ישוב אויך פאַרשפּילט.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען בלייבט פונדעסטוועגן אמת די באַהויפּטונג, אַז די איינינגקייט־כחות אין דעם אידישן פאָלק און אפילו אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי זיינען גאַנץ שטאַרק און אַז זיי פאַנגען אָן קריגן די אויבערהאַנט.

2. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די איינינגקייט־כּחות אינעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס און די אָנערקענטע פירערשאַפט פון דעם קאָנגרעס הויבן אָן אַרויסווייזן פון צייט צו צייט אַ ווירקזאַמע איניציאַטיווע פאַר פאַראייניגטע אַקציעס לטובת דער מלחמה און פאַר אידישער איינינגקייט. אין פאַרבינדונג מיט דעם מוז מען דערמאָנען די גרויסע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע פאַר ראַטעווען די אידן פון דעם נאַצי־גיהנום, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ניט לאַנג צוריק אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן לויט דער איניציאַטיווע טאַקע פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס.

3. מען דאַרף פאַרצייכענען, אַז אַ גאַנצע ריי אָנגעזעענע אידישע פירער אין אַמעריקע האָבן גענומען עפנטלעכע שטעלונגען פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס וועלן ביטראָגן זייער אַ סך צו דעם דערפאָלג פון דער אידישער אַסעמבלי און צו דעם אידישן ביטראָג צום זיג.

צום ערשטן דאַרף דערמאָנט ווערן די שטעלונג פון אַזאַ אָנגעזעענעם אידישן פירער ווי רבי אבא הלל סילווער. דער פאַקט, וואָס אַ פירער פון זיין גרויס און אָנזען דערקלערט פאַר דער וועלט, אַז די אידישע קאָמוניסטן מאַכן אַ פאָזיטיוון ביטראָג צום גאַנצן אידישן פאָלק און אַז אידישע פאָלקס־איינינגקייט מוז אַרומנעמען טאַקע אַלע שטרעמונגען פונעם אידישן פאָלק, איינגעשלאָסן די קאָמוניסטן — דער פאַקט באַווייזט ניט נאָר, אַז רבי סילווער אַליין איז אַ ווייט־זעענדיגער פאָליטיקער און אַ געטרייער פירער פון זיין פאָלק. עס באַווייזט אויך, אַז דאָס זיינען די שטימונגען פון ברייטע שיכטן אַמעריקאַנער אידן, ניט נאָר צווישן דער אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך צווישן די מיטל־קלאַסן און דער אידישער אינטעליגענץ.

אָבער רבי סילווער איז ניט דער איינציגער. מיר האָבן אויך געהערט פון אַזעלכע וויכטיגע אידישע פירער ווי נחום גאָלדמאַן, וועלכער האָט אויך גאַנץ באַשטימט, כאָטש ניט אַזוי קלאָר, פאַרלאַנגט די פולשטענדיגע איינינגקייט פון די אַמעריקאַנער אידן און פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן אויך געהערט פון א. ל. געלמאַן, דעם פרעזידענט פון דער מזרחי, די אָרטאָדאָקסישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וועלכער פאַרלאַנגט אויך פולשטענדיגע אידישע איינינגקייט. און אַפילו דוד פינסקי, וועלכער וואַקלט זיך נאָך אַלץ זייער שטאַרק אין דער פראַגע און דערלויבט זיך פון צייט צו צייט זייער ניט קיין גוטע אַרויסטרעטונגען פון שטאַנדפונקט פון אידישער איינינגקייט, אַפילו ער האָט געפונען פאַר אוממעגלעך צו פאַרנעמען די זעלבע שפּאַלטערישע און אין עצם אידן־פיינטלעכע שטעלונג פון אַזעלכע מענטשן ווי לואיס סיגאַל און חיים גרינבערג. פאַרקערט, ער האָט געמוזט קומען צום שלום, אַז ווער עס רעדט ערנסט וועגן אידישער איינינגקייט, דער מוז וועלן אַז די אויסגעהאַלטענע

אידישע אנטי־פאשיסטן און צווישן זיי די קאמוניסטן זאלן זיין א טייל פון דער דאזיגער איינהייט.

4. מען דארף אויך פעסטשטעלן, אז די שונאים פון אידישער איינהייט, וועלכע האבן זיך לעצטנס געגומען אראפגליטשן צו די פאזיציעס פון שונאים פונעם אידישן פאלק, האבן זייער פארשטארקט זייער ארבעט ניט צו דערלאזן, אז ס׳זאל פארקומען פולשטענדיגע אידישע איינהייט אין אמעריקע. מען דארף אויך זאגן, אז די פארשטארקטע קאמפאניע פון די שונאים פון אידישער איינהייט, וועלכע ווערט געפירט, ווי באקאנט, פון דער אנטי־סאוועטישער קליקע אין „פארווערטס״ בשותפות מיט די אנטי־נאציאנאלע עלעמענטן אין דער אמעריקען דזשויש קאמיטע און מיט די אנטי־סאוועטישע עלעמענטן צווישן דער פירערשאפט פון די פועלי־ציון, — אז די דאזיגע פארשטארקטע קאמפאניע געגן אידישער איינהייט האט ניט באגעגנט נאך דעם געהעריגן ווידערשטאנד פון די איינהייט־כחות אינעם אידישן פאלק. און אין דעם ליגן גרויסע געפארן פאר דער אידישער פאלקס־איינהייט. מען דארף געדענקען, אז אויב מען זאל לאזן די שונאים פון אידישן פאלק אנגיין מיט זייער שטערערישער ארבעט אן א געהעריגן שטארקן ווידערשטאנד פון די איינהייט־כחות צווישן אידן, דעמאלט קען די זאך פון אידישער איינהייט זייער שטארק ליידן.

5. מען מוז פעסטשטעלן נאך א וויכטיגן פאקט. דער פאקט איז, אז די ארגאניזירטע אידישע ארבעטערשאפט אין אמעריקע האט נאך ניט פארנומען איר געהעריגן פלאץ אין דער אידישער איינהייט, כאטש די מאסן ווילן עס זייער שטארק. די אידישע ארבעטער ווילן זיין אין דער אידישער אסעמבלי און ווילן דארטן שפילן א וויכטיגע ראלע, ווייל דאס פאדערן די אינטערעסן פון אידישן פאלק ווי אויך די אינטערעסן פון די אידישע ארבעטער. איז ווי זשע קומט עס, וואס די אידישע ארבעטערשאפט איז נאך אלץ ניט אריינגעטראטן ווי געהעריג אין דער באוועגונג פאר אידישער פאלקס־איינהייט? דאס איז פריער פאר אלץ דערפאר, וואס די שונאים און פאררעטער פון אידישן פאלק דערלאזן עס ניט. זיי דערלאזן עס ניט הויפטזאכלעך דורך דעם, וואס זיי דאמינירן די פירערשאפט פון אידישן ארבעטער קאמיטעט, וועלכער שליסט איין די מערסטע צאל ארגאניזירטע אידישע ארבעטער. אבער דאס איז ניט די איינציגע אורזאך. די אנדערע וויכטיגע אורזאך פאר דעם איז, וואס א סך אידישע ארבעטער־פירער, וועלכע ווילן יא האבן אידישע איינהייט און ווילן יא אז די אידישע ארבעטער זאלן דארט זיין פארטראטן, האבן נאך

אַליין מורא צו אַרבעטן פאַר דעם ענערגיש — זיי האָבן מורא פאַר דעם „פאָרווערטס", פאַר די שונאים פון אידישן פאָלק.

6. מען דאַרף פעסשטעלן ווייטער, אַז די איצטיגע אַנטי־סאָוועטישע העצע פון די אידישע פאַררעטער האָט ניט באַוויזן צו פאַרכאַפּן די מאַסן פון אידישן פאָלק אין אַמעריקע. דאָס איז אַ פאַקט, און זייער אַ דער־פרייענדיגער פאַקט. ס'איז אָבער אויך אַ פאַקט, אַז די דאָזיגע אַנטי־סאָוועטישע העצע האָט פאַרשטאַרקט די וואַקלענישן און אומזיכערקייט פון די שוואַכערע עלעמענטן צווישן די אַמעריקאַנער אידן.

אַלס רעזולטאַט פון דעם אויבן־געזאָגטן קענען זיך שאַפן די געפאַרן, ערשטנס, אַז דער איינינקייט־פּראָצעס צווישן די אידן פון אַמעריקע זאָל צייטווייליג פאַרהאַלטן ווערן, און צווייטנס, ס'זאָל זיך באַקומען אַן איינ־דרוק, אַז געוויסע שיכטן פון אַמעריקאַנער אידן זיינען פיינטלעך צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. די דאָזיגע געפאַרן זיינען נאָך ניטאָ, אָבער זיי קענען געשאַפן ווערן און ווערן געשאַפן דורך דער אַנטי־סאָוועטישער העצע פון די פאַררעטער און דורך דעם וואָס אידישע פירער טרעטן ניט אַרויס גענוג ענערגיש צו באַקעמפן די דאָזיגע העצע. און אויב דאָס זאָל אָנהאַלטן אַ לענגערע צייט, קענען די דאָזיגע מעגלעכע געפאַרן פאַרווירקלעכט ווערן. און דאָס וואָלט געווען זייער געפערלעך פאַרן אידישן פאָלק.

וואָס לערנען מיר פון די דאָזיגע פאַקטן ?

מיר לערנען פון זיי, אַז דער באָדן איז פולשטענדיג גרייט פאַר פאַר־ווירקלעכן אידישע איינינקייט אין אַמעריקע דורך דער נאַציאָנאַלער אידישער אַסעמבלי. אָבער כדי די אידישע אַסעמבלי זאָל זיך צונויפ־קומען ווי געפּלאַנעוועט און זאָל פאַרווירקלעכן באמת פולשטענדיגע אי־דישע איינינקייט, זיינען נויטיג אין דעם איצטיגן מאָמענט הויפּטזאַכלעך צוויי זאַכן : א) מען מוז אַרויסטרעטן שאַרף און ענערגיש קעגן די אַנטי־סאָוועטישע העצער, כדי איבערצוקומען די געפאַרן וואָס קומען פון דעם דאָזיגן לאַגער, און ב) מען מוז אַריינברענגען די אידישע אַרבעטערשאַפט אַלס אַ פּראָמינענטן און איינפלוסרייכן פאַקטאָר אין דער באַוועגונג פאַר דער אידישער אַסעמבלי און אין דער אַסעמבלי גופא.

די שפּאַלטערישע מאַנעוורעס פון די פאַררעטער

וועגן אייניגע פון די שפּאַלטערישע מאַנעוורעס פון די אידישע פאַררעטער, פון אונזערע אייגענע לאַוואַלס און קוויזלינגס, וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיט אַלטער'ן און ערליכ'ן, דאַרף מען דאָ רעדן אַ ביסעלע גענויער. ווי באַקאַנט, האָט זיך די פירנדע קליקע פון „פאָר־ווערטס" געשטעלט די אויפגאַבע ניט צו דערלאָזן, אַז די אידישע אַסעמבלי

זאָל זיך צונויפקומען. זיי ווילן ניט קיין אידישע אַסעמבלי, ווייל זיי ווילן ניט קיין אידישע פאָלקס־איינינקייט. מחמת זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז מען קען ניט בויען קיין אידישע פאָלקס־איינינקייט אויף אַ פאַררעטערישער פּראָגראַם, אַז אַמעריקע זאָל דערקלערן מלחמה דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַז אַמעריקע זאָל צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים. איז דעריבער פירן די „פאָרווערטס"־חברה דורך אַ גאַנצע ריי מאַנעווערס, אויף וועלכע מיר מוזן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. איין מאַנעוורע איז אויסצונוצן דעם פאַראייניגטן אידישן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך לאַנג ניט צוריק געגרינדעט פאַר דעם צוועק צו העלפן ראַטעווען באַלד אַזויפיל אידן ווי מעגלעך פון דעם נאַצי־גיהנום, כּדי ניט צו דערלאָזן אַז עס זאָל זיך צונויפקומען די אידישע אַסעמבלי.

ווי באַקאַנט, איז דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט אַ טייל פון דעם דאָזיגן פאַראייניגטן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט. ווי באַקאַנט, ווערט דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט באַהערשט פון דער אַנטי־סאָוועטישער קליקע אינעם „פאָרווערטס". דאָס גיט דער דאָזיגער קליקע די מעגלעכקייט אָנצופירן אַזאַ פּאָליטיק אין דעם פאַראייניגטן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט, וואָס, ערשטנס, פּאַראַליזירט עס די אַרבעט פון דעם דאָזיגן קאָמיטעט אַליין, און צווייטנס, רוקט דאָס אַרויס די געפאַר, אַז מען זאָל וועלן אויסנוצן די עקזיסטענץ פון דעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט אַלס אַ תירוץ אויף ניט צו רופן די אידישע אַסעמבלי.

דער תירוץ, אין קורצן, איז דער: אַזוי ווי אין דעם פאַראייניגטן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט זיינען אָנגעשלאָסן אַ גרויסע צאָל פון די נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, דעריבער — זאָל עס הייסן — האָבן מיר שוין אידישע איינינקייט און דעריבער איז ניט נויטיג קיין אידישע אַסעמבלי. אַי, דער עמוירדזשענסי־קאָמיטעט שליסט ניט איין אין זיך די אַנטי־פאַשיסטישע כּחות פון אונזער פאָלק, דאָס אַרט ניט דעם „פאָרווערטס". פאַרקערט, דערפון איז ער זייער צופרידן.

דאָס וואָס דער עמוירדזשענסי־קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט פאַר אַ באַגרענעצטן צוועק: צו ברענגען באַלדיגע הילף און רעטונג פאַר בלויז איינצעלנע גרופּעס אידן און פּערזאָנען, און ניט פאַר דעם צוועק פון אידישער איינינקייט אויף צו געווינען די מלחמה און פאַרטיידיגן אידישע אינטערעסן נאָך דער מלחמה, דאָס אַרט אויך ניט דעם „פאָרווערטס". פאַרקערט, פון דעם איז ער אויך צופרידן. דערפאַר טאַקע פירט די דאָזיגע קליקע איצט דורך אַ מאַנעוורע, וואָס זוכט צו צווינגען אידישע פירער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אַז מען זאָל אויסנוצן דעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט אַלס אַ תירוץ כּדי ניט צו רופן די אידישע אַסעמבלי.

דאַרף מען דעריבער זאָגן גאַנץ באַשטימט צו דעם פאַראייניגטן אידישן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט: היט זיך פאַר די פאַרשווערונגען מצד דעם „פאָרווערטס" און זיינע פאַרבינדעטע אין דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע. היט זיך פאַר די פאַררעטערישע מאַנעווערס פון די „פאָר־ווערטס"־פאַרטרעטער אין דעם פאַראייניגטן עמוירדזשענסי־קאָמיטעט. דערלאָזט ניט, אַז זיי זאָלן פאַראַליזירן די אַרבעט פון אייער קאָמיטעט. דערלאָזט ניט, זיי זאָלן אייך פאַרוואַנדלען אין אַן אינסטרומענט פון אַנטי־סאָוועטישע פאַרשווערונגען. דערלאָזט ניט, זיי זאָלן אויסנוצן דעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט כדי אָפּצושטעלן די אָרגאַניזירונג פון פול־שטענדיגער אידישער איינינקייט דורך דער אידישער אַסעמבלי.

מען דאַרף אויך זאָגן צו דעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט, אַז ער זאָל זיך נעמען מער ענערגיש דורכצופירן די אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. נעמלעך, צו העלפן ברענגען באַלדיגע הילף און רעטונג פאַר אַזויפיל אידן ווי מעגלעך. מען דאַרף פאַרלאַנגען פון דעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט און זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע פירער, אַז זיי זאָלן אויפהויבן זייער שטימע קלאָר און דייטלעך געגן די אידישע אַנטי־סאָוועטישע העצער, געגן די אידישע פאַררעטער, געגן דער „פאָרווערטס"־קליקע. מען דאַרף פאַרלאַנגען פונעם עמוירדזשענסי־קאָמיטעט ער זאָל אויפהויבן זיין שטימע געגן דער וואַקסנדיגער אַנטיסעמיטישער געפאַר אין אַמעריקע. מען דאַרף פאַרלאַנגען פון דעם קאָמיטעט ער זאָל זיך אַריינוואַרפן ענערגיש אין דער אַרבעט און העלפן די אַמעריקאַנער אידן צו מאַכן זייער גרעסטן ביטראָג צו געווינען די מלחמה.

מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן די אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פאַר דעם, אַז פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע פירער דאַרפן אויפהויבן זייער שטימע אין דער עפנטלעכקייט געגן די פאַרשווערונגען פון דער „פאָר־ווערטס"־קליקע. דאָס האָבן שוין געטאָן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אַ גאַנצע ריי אידישע פירער, ווי עדגאַר קאַופמאַן, פּאָרזיצער פון דעם דזשענעראַל דזשואיש קאונסיל; ראַבאַי יוסף לוקשטיין, פּרעזידענט פון דער „ניו יאָרק באָרד אָוו דזשואיש מיניסטערס"; מאַרקס ברעסלער, פאָרזיצער פון אידישן קאָנגרעס אין שיקאַגאָ; הרב א. מ. אַשינסקי, ערן־וויס־פּרעזידענט פון דער אָרטאָדאָקסיש־ציוניסטישער מזרחי אָרגאַני־זאַציע; דזשעימס וואָטערמאַן וואַיז, וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, און אַנדערע.

עס איז אויך אמת, אַז כמעט קיין איינער פון די פאַר־אַנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אַמעריקע האָט זיך ניט גע־לאָזט אַריינציען אין דער איצטיגער אַנטי־סאָוועטישער העצע פון

די פאררעטער. און דאס דארף געזאגט ווערן צום כבוד און צו דער פאראנטוואָרטלעכקייט פון די דאזיגע אידישע פירער. אבער מען מוז אויך זאגן עפעס אנדערש. דער פאקט, וואס זייער ווייניג פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער זיינען ביז איצט אפן ארויסגעטראטן געגן די פאררעטער פון דער „פאָרווערטס"־קליקע, האט געהאָלפן שאפן דעם איינדרוק, אז געוויסע עלעמענטן פון אמעריקאנער אידן זיינען ניט פריינטלעך צום סאוועטן־פארבאנד און אז זיי זיינען אפילו פיינטלעך.

פרעגן מיר: ווילן פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אמעריקע, אז עס זאל בלייבן אזא איינדרוק ביי דער וועלט? ווילן זיי, אז די מאסן אמעריקאנער אידן זאלן אנהויבן גלויבן, אז א סך פון זייערע פאראנטוואָרטלעכע און אנערקענטע פירער זיינען ניט פריינטלעך צום סאוועטן־פארבאנד און צו דער פאליטיק פון אונזער רעגירונג, וועלכע פארלאנגט פריינטשאפט מיטן סאוועטן־פארבאנד? ווילן זיי, אז די פאלעסטינער אידן זאלן קריגן אזא איינדרוק? ווילן זיין ,אז די סאוועטישע אידן זאלן קריגן אזא איינדרוק? ווילן זיי, אז די רויטע ארמיי און די סאוועטישע פעלקער זאלן קריגן אזא איינדרוק? אוודאי ווילן זיי עס ניט.

מיר קענען זיך ניט פארשטעלן קיין איין־איינציגן פאראנטוואָרטלעכן אידישן פירער אין אמעריקע, וואס זאל ווען, אז די סאוועטישע פעלקער און די רויטע ארמיי זאלן קריגן דעם איינדרוק, אז זיי, די דאזיגע אידישע פירער, זיינען ניט קיין פריינט פונעם סאוועטן־פארבאנד נאר אפשר חלילה שונאים. אויב דאס איז אזוי, מוז מען פארשטיין, אז וואס לענגער פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אמעריקע שווייגן און הויבן ניט אויף זייער שטימע געגן די פאררעטער אין אונזער אייגענער מיט — געגן אונזערע אייגענע אידישע לאוואלס און קוויזלינגס, — אזוי לאנג עקזיסטירט די געפאר, אז די וועלט וועט קריגן אזא איינדרוק, דעם איינדרוק, אז פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אמעריקע זיינען פיינטלעך געשטימט צום סאוועטן־פארבאנד.

מיר האלטן פאר אונזער חוב אויך צו אפעלירן צו די פאליטישע חושים און פארשטענדעניש פון די פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אמעריקע. ווי באקאנט, קלייבן זיך די אידישע ארגאניזאציעס און פאראנטוואָרטלעכע אידישע פירער אין אמעריקע אכטונג צו געבן, אז נאך דעם זיג פון די פאראייניגטע מלוכות זאל איינגעשטעלט ווערן פאר דעם אידישן פאלק איבער דער גאנצער וועלט א פריי לעבן. דאס איז זייער גוט. מען דארף דאס בלויז ענגער פארבינדן מיט דער באלדיגער אויפגאבע פון העלפן געווינען די מלחמה. ס'איז אבער זייער גוט, אז דער

גרויסער אידישער ישוב אין אמעריקע זאָל מאַכן זיין בייטראַג צו דעם וואוילזיין און פרייהייט פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע לענדער נאָך דעם קריג. אויך די אידישע אסעמבלי וועט זיך מיט דער פראַגע באַשעפטיגן.

פרעגן מיר ביי די אידישע פירער פון אמעריקע: דענקען זיי ניט, אַז די אידן פונעם סאָוועטן־פארבאַנד וועלן קענען זייער אַ סך בייטראָגן צו פאַרזיכערן אונזער פאָלק אַ פריי לעבן נאָך דער מלחמה, פונקט ווי די אידן אין סאָוועטן־פארבאַנד מאַכן אַזאַ גלענצנדן בייטראָג צו געווינען דעם זיג? דענקען ניט דעריבער די אידישע פירער פון אמעריקע, אַז דאָס אידישע פאָלק וואָלט אַ סך געוואונען ווען עס זאָל זיך איינשטעלן שוין היינט אַן ענגע פריינטשאַפט און פארבינדונג מיט די אידן פונעם סאָוועטן־פארבאַנד? עס איז אונז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אידישן פירער אין אמעריקע, וואָס זאָל ניט פאַרשטיין, אַז אונזערע אידישע ברידער אין סאָוועטן־פארבאַנד, אַלס טייל פונעם גרויסן סאָוועטישן פאָלק, וועלן שפּילן זייער אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער ארבעט פון פאַרזיכערן אַ פריי לעבן פאַר די אידן פון אייראָפּע און פון פאַלעסטינע און פון אַלע אַנדערע לענדער נאָך דער מלחמה.

די סאָוועטישע אידן ווילן אונזער פריינטשאַפט און זיי ארבעטן פאַר דעם דורך דער קערפּערשאַפט, וועלכע פאַרטרעט זיי און רעדט אין זייער נאָמען—דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָסקווע. דער דאָזיגער קאָמיטעט, ווי באַקאַנט, האָט אָפּגעהאַלטן אַ פּלענום לעצטן פעברואַר און האָט ארויסגעלאָזט אַ רוף צו די אידן פון דער גאַנצער וועלט, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט דאָס פאָלגנדע: „עס דערנעענטערט זיך דער טאָג, ווען היטלער און זיין באַנדע וועלן געשטעלט ווערן צום משפּט פון פעלקער, ווען אַלע פעלקער וועלן צושטעלן זייער רעכענונג. שטרענג וועט זיין די רעכענונג, וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט צושטעלן. אויף אָט־דעם משפּט וועט דאָס אידישע פאָלק ארויסטרעטן צוזאַמען מיט אַלע ליידנדיגע, פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער אין דער ראָלע פון געליטענע און פון אָנקלאָגער."

אָט אַזוי גרייטן זיך די סאָוועטישע אידן צו דעם גרויסן טאָג פון רעכענונג מיט די נאַצי־באַנדיטן. אָט אַזוי גרייטן זיי זיך צו דעם טאָג, ווען אויך דאָס אידישע פאָלק וועט צושטעלן זיין רעכענונג. און אין יענעם טאָג, ווען מען וועט הערן די שטימע פון דעם אידישן פאָלק, וועט מען זיכער הערן די מעכטיגע און איינפלוסרייכע שטימע פון דעם סאָוועטישן אידנטום. און דאָס וועט זיין זייער גוט. דאָס ווילן אַלע אידן. און די אמעריקאַנער אידן ווילן אויך, אַז די שטימע פון דעם אַמעריקאַנער

אידנטום זאָל געהערט ווערן יענעם טאָג פאַראייניגטערהייט און צוזאַמען מיט דער שטימע פון דעם אידנטום פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאָוועטישע אידן גרייטן זיך פאַר דער שטונדע און זיי אַרבעטן דעריבער פאַר דער אייניגקייט פון דעם אידישן פאָלק, פאַר דער פריינטשאַפט און אייניגקייט צווישן די סאָוועטישע און אַמעריקאַנישע אידן.

אָבער וואָס טוען די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון די אַמעריקאַנער אידן פאַר דעם דאָזיגן אַלגעמיינעם צוועק? אמת, אָנגעזעענע כחות אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע טוען זייער אַ סך. צום ביישפּיל, די כחות, וואָס בויען און שטיצן דעם קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער. אָבער פאָרלויפיג זיינען דאָס בלויז די אויסגעשפּראָכענע אַנטי־פאַשיסטישע כחות צווישן אידן. אָבער וואָס איז מיט אַלע אַנדערע אידן? וואו זיינען זיי? זיי טוען נאָך דערוויל זייער ווייניג פאַר פריינטשאַפט און אייניגקייט מיט די סאָוועטישע אידן. די פראַגע איז ניט, צי זיי ווילן עס. די פראַגע איז: וואָס טוען זיי פאַר דעם? וואָס טוען זיי אויף צו צעשמעטערן די באַנדע אידישע פאַררעטער, וואָס דערלאָזט ניט צו קיין אייניגקייט און פריינטשאַפט מיט די סאָוועטישע אידן, וואָס וויל איזאָלירן די אַמעריקאַנער אידן פון זייערע סאָוועטישע ברידער? אָט דאָס איז די פראַגע.

מיר ווילן נאָכאַמאָל אַפּעלירן צו דעם פּאָליטישן חוש און פאַר־שטענדעניש פון פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע פירער. מיר ווילן זיי פרעגן: דענקען זיי באמת, אַז די אַמעריקאַנער אידן וועלן קענען שפּילן וועלכע ס'איז וויכטיגע ראָלע אין דער אַרבעט פון פאַרזיכערן אַ פריי לעבן פאַר אונזער פאָלק נאָך דער מלחמה, אויב זיי וועלן זיין אָפּגעזונדערט פון די סאָוועטישע אידן? אַזוי דענקען הייסט פאַנטאַזירן. דאָס איז ניט רעאַליסטיש, דאָס איז ניט פּראַקטיש, דאָס איז ניט קיין פּאָליטיק, נאָר קינדעריי.

עס איז אַבסאָלוט ריכטיג, וואָס דער אידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט אין מאָסקווע זאָגט אין זיין לעצטן אויפרוף צו די אידן פון דער וועלט און איבערהויפּט צו די אידן פון אַמעריקע און ענגלאַנד:

„ווי און שאַנד איז צו יענע, וואָס שטערן — מיט איין תירוץ אָדער אַ צווייטן — זייער פאָלק זיך צו פאַראייניגן אין זיינע גרויסע ליידן געגן דעם שונא! פאַרשאָלטן זאָלן זיין די, וואָס שטערן אייך צו ברענגען הילף דער רויטער אַרמיי, וועלכע פאַרטיידיגט די פרייהייט, דאָס לעבן און די ווערדע פון אידישן פאָלק!"

מיר ווילן דאָ נאָך צוגעבן, אַז ווי און שאַנד איז אויך צו דער פירער־שאַפט און צו די פּאָליטישע אויסרעכענונגען פון יענע, וואָס שטערן זייער פאָלק זיך צו פאַראייניגן.

און לאָמיר זיך אויך נעמען אַביישפּיל פון אונזערע סאָוועטישע ברידער אין דעם ענין פון העלפן געווינען די מלחמה. הערט ווי זיי רעדן וועגן דעם, וועגן די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דעם אידישן בייטראָג צום זיג, אין זייער לעצטן מאַניפעסט:

„ברידער און שוועסטער! אין נאָמען פון די דערמאָרדעטע און אויף טויט פאַרפייניגטע; אין נאָמען פון די, וואָס גייען אָפּ מיט בלוט אין די היטלערישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן; אין נאָמען פון דעם נעכטן, דעם היינט און דעם מאָרגן פון אונזער פאָלק, וועגדן מיר, די סאָוועטישע אידן, צו אייך אונזער רוף, אַז איר זאָלט דערפילן אייער נאַציאָנאַלע פליכט. וואו איר זאָלט זיך ניט געפינען, געדענקט, אַז איר מוזט קעמפן געגן דעם ערגסטן שונא פון דער מענטשהייט, געגן דעם פאַרטיליגער פון אידישן פאָלק. קעמפט געגן אים מיט אַלע מיטלען, וואָס איר פאַרמאָגט. קעמפט געגן אים אין די רייען פון די אַליאירטע אַרמייען, קעמפט געגן אים אין אייער אַרבעט אין די אינדוסטריען און אין דער קריגס־אָנשטרענגונג, קעמפט געגן אים דורך אייער מאַקסימום שטיצע פאַר דער העלדישער רויטער אַרמיי!”

אַט אַזוי שלאָגן פאָר די סאָוועטישע אידן דורך זייער אַנטי־פאַשיס־טישן קאָמיטעט, אַז עס זאָל געבויט ווערן אידישע איינינקייט — פריינט־שאַפט און איינינקייט פון די אידן פון דער גאַנצער וועלט און ספּעציעל פריינטשאַפט און איינינקייט צווישן די אידן פון אַמעריקע און די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זאָל מען אונז ניט דערציילן קיין באָבע־מעשיות, אַז אַזאַ פריינטשאַפט און איינינקייט עקזיסטירט שוין. דאָס איז בלויז אַ תירוץ אויף גאָרניט צו טאָן. דאָס איז אַ תירוץ אויף ניט צו ענטפערן די אידישע פאַררעטער, וואָס זוכן אָפּצורייסן אַמעריקע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס עקזיסטירט אַ געפיל פון פריינטשאַפט און איינינקייט צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע און די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס איז אַ פאַקט. אָבער מען דאַרף זען, אַז די פריינטשאַפט זאָל זיך אויסדריקן אין קאָנ־קרעטע טאַטן, אין מעשים. מען דאַרף זען, אַז די דאָזיגע פריינטשאַפט זאָל אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקט ווערן און אַז עס זאָל זיך איינשטעלן אַ פּראַקטישע מיטאַרבעטערשאַפט צווישן די אידן פון אַמעריקע און די אידן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָט וועגן דעם האַנדלט זיך עס.

כדי דאָס צו דערגרייכן מוזן די אַמעריקאַנער אידן געבן דעם געהעריגן ווידערשטאַנד און דעם געהעריגן ענטפער צו די, וואָס העצן געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו די וואָס ווילן אַמעריקע זאָל פירן מלחמה געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו די וואָס רעדן וועגן צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים. דער קאַמף פאַר פריינטשאַפט און איינינקייט צווישן די אידן פון

אַמעריקע און די אידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן איינע פון די צענטראַלע און וויכטיגסטע אויפגאַבן פונעם אַמעריקאַנעם אידנטום און פון דער אידישער פאָלקס־איינינקייט ביי אונז אין לאַנד. דאָס פאַרלאַנגען די אינטערעסן פון אַמעריקע. דאָס פאַרלאַנגען די אינטערעסן פון די פאַראייניגטע מלוכות.

די פאַררעטער פון דער „פאָרווערטס"־קליקע און זייערע פאַרבינדעטע אַרבעטן גאַנץ באַשטימט פאַר דעם, אַז ס'זאָל ניט זיין קיין פריינטשאַפט מיט די סאָוועטישע אידן. מחמת דאָס ווערט פאַרלאַנגט פון זייער אָריענטאַציע, אַז מען דאַרף צעשיסן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז דער קאַמף פאַר פריינטשאַפט מיט די סאָוועטישע אידן זאָל ווערן אַ צענטראַלע אויפגאַבע פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, פון אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק.

מען מוז אויך אויפדעקן אַ צווייטע שפאַלטערישע מאַנעוורע פון די „פאָרווערטס"־פירער. די דאָזיגע צווייטע מאַנעוורע פירן זיי דורך אין זייערע אונטערהאַנדלונגען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי. ווי באַקאַנט, וויל די אידישע אַסעמבלי, אַז דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט זאָל זיך אָן איר אָנשליסן. און דאָס איז זייער גוט. אָבער דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט ווערט באַהערשט פון דער „פאָרווערטס"־קליקע און די דאָזיגע קליקע וויל ניט, אַז דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט זאָל זיך אָנשליסן אָן דער אידישער אַסעמבלי. אָבער אַזוי ווי דאָס קען מען ניט זאָגן גאַנץ אָפן, פרובירט מען שאַפן דעם איינדרוק, אַז דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט וואָלט זיך יאָ וועלן אָנשליסן אָן דער אַסעמבלי, נאָר ער שטעלט אַרויס געוויסע באַדינגונגען.

ווי מיר פאַרשטייען, איז איינע פון די דאָזיגע באַדינגונגען אַז מען זאָל ניט צולאָזן צו דער אַסעמבלי די אַנטי־פאַשיסטישע כחות פון די אַמעריקאַנער אידן און צווישן זיי די היגע אידישע קאָמוניסטן. איז, ערשטנס, דאַרף קלאָר ווערן פאַר אַלעמען און ספּעציעל פאַר דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי, אַז די דאָזיגע באַדינגונג און די אונטערהאַנדלונגען וואָס די „פאָרווערטס"־קליקע פירט וועגן דער באַדינגונג איז ניט מער ווי אַ מאַנעוורע. דער צוועק פון דער מאַנעוורע איז אַ טאָפּלדיגער: אַריינצוציען די פירער פון דער אידישער אַסעמבלי אומבאַמערקטערהייט אין די אַנטי־סאָוועטישע אַוואַנטורעס פון די דאָזיגע פאַררעטער, און צווייטנס, צו צעשפּאַלטן די אידישע רייען און ניט דערלאָזן צו קיין פולשטענדיגער אידישער איינינקייט.

עס איז אונז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי זאָל זיך לאָזן מיט אָפענע אויגן אַריינציען אין אַזעלכע

געפערלעכע אוואַנטורעס — געפערלעך פאַר אידישער אייניגקייט און געפערלעך פאַרן אידישן פאָלק. אָבער מיט פאַרמאַכטע אויגן קען מען זיך יאָ לאָזן אריינציען אין אַזעלכע אוואַנטורעס. דאַרף מען דעריבער זאָגן צו דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי אַזוי: עפנט אויף אייערע אויגן און באַגרייפט גענוי וואוהין די „פאָרווערטס"-קליקע צילט מיט אירע באַדינגונגען, וואָס זי שטעלט אַרויס אויף אָנשליסן זיך אָן דער אידישער אַסעמבלי. און ניט נאָר דאָס. מען דאַרף זאָגן צו דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַסעמבלי דאָס פאָלגנדע:

1. אויב איר ווילט באמת אַרבעטן פאַר אידישער אייניגקייט דורך דער אידישער אַסעמבלי, דאַרפט איר גלייך איינלאַדן אַלע אידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, איבערהויפט ניט „פאַרגעסנדיג" די פאַרטרעטער פון די אויסגעהאַלטענע אַנטי-פאַשיסטישע ריכטונגען, אַז זיי זאָלן אריינשיקן פאַרטרעטער אין דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער אַסעמבלי. וואַקלונגען אין דער פראַגע זיינען געפערלעך. וואָס מער איר וואַקלט זיך, אַלץ בעסער ווערן די אויסזיכטן פון דער „פאָרווערטס"-קליקע צו צעשיסן די אידישע אַסעמבלי.

2. איר דאַרפט גלייך אָנהויבן צו אָרגאַניזירן די פאָרברייטונגען פאַר די לאָקאַלע וואַלן צו דער אַסעמבלי. אויב איר ווילט באמת צונויפרופן די אַסעמבלי אין יולי פון דעם יאָר, ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פון דער עקזעקוטיווע, דאַרפט איר גלייך נעמען אָרגאַניזירן די וואַלן.

3. איר דאַרפט גלייך אונטערנעמען און סיסטעמאַטיש אָרגאַניזירן פאַראייניגטע אידישע אַקציעס לטובת דער מלחמה, לטובת דעם זיג, לטובת דער רעטונג פונעם אידישן פאָלק, לויט דער אַלגעמיינער פאָלקס-פּראָגראַם פון אידישער אייניגקייט, וואָס איז שוין איצט גאַנץ ברייט פאַרשפּרייט צווישן די אַמעריקאַנער אידן.

III

די באַלדיגע אויפגאַבן פון די אידישע אַנטי-פאַשיסטן

אויפן גרונט פון דעם וואָס מיר האָבן ביז איצט געזאָגט, זיינען מיר איצט אימשטאַנד פעסטצושטעלן אונזערע באַלדיגע אויפגאַבן. די דאָזיגע באַלדיגע אויפגאַבן קענען פאָרמולירט ווערן, לויט אונזער מיינונג, אין פינף פונקטן:

1. אַנטוויקלען אַ ברייטע קאַמפּאַניע אין אַלע אידישע אַרבעטער- און פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס פאַר דער פּראָגראַם פון סיסטעמאַטישער פאַר-

איינציגטער אידישער אקציע צו געווינען די מלחמה אין דער שנעלסטער מעגלעכער צייט. נאטירלעך, דארף דאס געטאן ווערן אינאיינעם מיט אלע פאטריאטישע כחות פונעם אמעריקאנער פאלק, אינאיינעם מיט דער גאנצער נאציאנאלער איינציקייט פון אמעריקע.

2. אריינציען די אידישע ארבעטער און זייערע ארגאניזאציעס אלס אן אקטיוון און פירנדיגן כח אין דער אידישער איינציגקייט און אין דער אידישער אסעמבלי. דאס דארף געטאן ווערן דער עיקר דורך דעם, וואס די אידישע ארבעטער און זייערע ארגאניזאציעס זאלן פאדערן און זיך דערשלאגן געהעריגע פארטרעטערשאפט אין דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער אסעמבלי און דורך אן אקטיווער באטייליגונג אין די לאקאלע וואלן צו דער אסעמבלי. דערביי דארף מען געדענקען, אז איינע פון די גאר באלדיגע אויפגאבן איז צו זען, אז די אסעמבלי זאל באמת גערופן ווערן און אז זי זאל זיך צונויפקומען אנהויב יולי, ווי עס איז באשלאסן געווארן ביי דער אפריל־זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער אסעמבלי.

דא איז נויטיג אונטערצושטרייכן, אז די אנטי־פאשיסטישע עלע־מענטן אין די אידישע ארבעטער־ און פאלקס־ארגאניזאציעס האבן נאך ניט ארויסגעוויזן דעם נויטיגן אינטערעס אין דער געפלאנטער אידישער אסעמבלי. דאס דארף געזאגט ווערן אפן. אמת, דאס איז זעלבסט־קריטיק, אבער געזונטע זעלבסט־קריטיק קען אונז ברענגען בלויז נוצן.

וואס איז די לאגע? די לאגע איז ניט איינפאך. זי איז א היבש ביסל קאמפליצירט. אבער דאס קען בשום אופן ניט בארעכטיגן קיין פאסיוויטעט אדער אפוועזנהייט פון געהעריגן אינטערעס מצד די אנטי־פאשיסטישע אידישע כחות אין דער געפלאנטער אידישער אסעמבלי.

אז מ'וויל, קען מען די זאך דערקלערן מיט דעם, וואס די ארגאניזא־טארן פון דער אידישער אסעמבלי און די עקזעקוטיווע פון דער אסעמבלי האבן נאך ביז איצט ניט געמאכט קיין איין פראקטישן שריט אריינצוציען די אידישע ארבעטער אין דער אסעמבלי. מער ווי דאס, מען קען זאגן מיט רעכט, אז די ארגאניזאטארן פון דער אידישער אסעמבלי, צום ווינציגסטן איינציגע פון זיי, האבן אפילו געלייגט שוועריגקייטן אין וועג פאר געוויסע אידישע ארבעטער־ און פאלקס־ארגאניזאציעס, וועלכע האבן געפאדערט מען זאל מעגלעך מאכן פאר זיי זיך אנצושליסן אן דער אסעמבלי.

דאס אלץ איז אמת. ס'איז אויך אמת, אז די אונטערהאנדלונגען וואס ווערן געפירט צווישן דער עקזעקוטיווע פון דער אסעמבלי און די פירער פונעם אידישן ארבעטער קאמיטעט האבן אונז ביז איצט ניט געגעבן קיינע גרונטן צו דענקען, אז דערפון וועט ארויסקומען עפעס אזעלכעס, וואס וועט באמת אריינציען אלע ריכטונגען פון דער אידישער ארבעטערשאפט

אין דער אידישער איינִיגקייט, וואָס די אַסעמבלי וואָלט געקענט אָרגאַניזירן. פאַרקערט, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, זיינען דאָ אַלע גרונטן צו דענקען, אַז די „פאָרווערטס״־קליקע, וועלכע פירט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי אין נאָמען פונעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, זאָל געלינגען, דורך פאַרשיידענע מאַנעווערס און קונצן, צו פאַרציען און אָפּליינגען די צונויפרופונג פון דער אַסעמבלי אָדער צו פאַרשמעלערן איר צוזאַמענשטעל דורך אויסשליסן די אַנטי־פאַשיסטן.

דאָס אַלץ איז ריכטיג. אָבער וואָס איז דערפון געדרונגען? דערפון איז געדרונגען בלויז איין זאַך, אַז די אַנטי־פאַשיסטישע כחות צווישן די אידן פון אַמעריקע דאַרפן אויפהויבן אַ ברייטע און ענערגישע קאַמפּאַניע צווישן די ברייטסטע מאַסן פון די אידישע אַרבעטער־ און אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס מיט דער פאָדערונג, וואָס מיר האָבן שוין אויבן פאָרמולירט, נעמלעך, אַז געהעריגע פאַרטרעטערשאַפט פאַר אידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן זיך אָנשליסן אָן דער אַסעמבלי, זאָל באַלד געגעבן ווערן צו די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס און אַז די עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי זאָל גלייך אונטערנעמען די פּראַקטישע אָרגאַניזירונג פון די וואַלן פאַר דעם נאַציאָנאַלן צוזאַמענקונפט פון דער אַסעמבלי.

דאָס וואָס אין דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי זיינען דאָ עלע־מענטן, וואָס ווילן ניט האָבן קיין פולשטענדיגע אידישע איינִיגקייט און פירן אין דעם פּרט דורך אַ ליניע וואָס איז זייער ענלעך אויף דער ליניע פון דער „פאָרווערטס״־קליקע, באַדייט בלויז, אַז דער קאַמף פאַר אידישער איינִיגקייט און פאַר דער באַטייליגונג פון די אידישע אַרבעטער אין דער אַסעמבלי דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן, אָנשטאָט אָפּגעשוואַכט ווערן. אַנדערש וואָלט עס געהייסן, אַז די אַנטי־פאַשיסטישע אידישע כחות וואָלטן קאַפּי־טולירט פאַר די שונאים פון אידישער איינִיגקייט, און דאָס וועלן זיי קיינמאָל ניט טאָן.

אויך דער צווייטער פאַקט, וואָס אָנגעזונע פירער פון דער עקזעקוטיווע פון דער אַסעמבלי, וואָס ווילן יאָ פולשטענדיגע איינִיג־קייט, נאָר וועלכע ווייזן אַרויס שוואַכקייטן אין דעם ענין און קעמפן ניט ווי געהעריג געגן די שטערער פון אידישער איינִיגקייט, איז אינגאַנצן ניט קיין באַרעכטיגונג פאַר דעם, אַז מען זאָל אַנטוישט ווערן אין דער מעגלעכקייט פון דערגרייכן אידישע איינִיגקייט דורך דער אַסעמבלי.

אַוואַדע זיינען די וואַקלענישן און אומזיכערקייטן פון די דאָזיגע פירער זייער ניט געזונט פאַר דער זאַך פון אידישער איינִיגקייט, ווי אויך פאַר דעם גרויסן קאַמף געגן די נאַציס. אַוואַדע זיינען אַזעלכע וואַקלענישן

זייער גוט פאר די פארשווערונגען פון די שונאים פון אידישער אייניגקייט. ס'איז אבער קיין שכל ניט צו ענטפערן אויף דעם מיט סקעפטיציזם און פאסיוויטעט בנוגע דער אידישער אסעמבלי.

דער פאקט איז, אז ווי די לאגע שטייט היינט צו טאג (ניט ווי זי וואלט געקענט זיין אונטער אידעאלערע און בעסערע אומשטענדן), איז די געפלאנטע אידישע אסעמבלי דער קירצסטער און שנעלסטער וועג צו א גרויסער מאס פון ווירקזאמער אידישער אייניגקייט, וועלכע זאל קענען מאכן דעם גרעסטן אידישן ביישטייער צו געווינען די מלחמה און צו דער איינארדענונג פון א פריי לעבן פאר אונזער פאלק נאך דער מלחמה. דארף מען דעם דאזיגן וועג באטרעטן. דארף מען מאכן אלע אנשטרענגונגען, אז די מעגלעכקייטן פאר אידישער אייניגקייט, וועלכע ליגן אין דער געפלאנטער אידישער אסעמבלי, זאלן וואס שנעלער פארווירקלעכט ווערן. און דאס איז געווי די הויפט־אויפגאבע טאקע און איבערהויפט פון די אויסגעהאלטענע אנטי־פאשיסטישע כחות אין דעם אידישן פאלק.

ווי אזוי מען דארף פאר דעם קעמפן, האבן מיר שוין אנגעוויזן. מען דארף שטארקן די וואקלדיגע און די אומזיכערע. מען דארף זיי געבן די גאנצע נויטיגע שטיצע פאר דעם, אז זיי זאלן דורכפירן די געפלאנטע באשלוסן וועגן דער אסעמבלי. און דאס פארלאנגט, ווי מיר ווייסן שוין, א גרויסע קאנצענטראציע פון אלע כחות אויף צוריקצושלאגן די אטאקעס פון די שונאים פון אידישער אייניגקייט און אויף צו איזאלירן זיי פון דעם אידישן פאלק.

מיר וואלטן ניט וועלן, אז די פאר קריטישע באמערקונגען וועגן דעם, אז אנטי־פאשיסטישע אידישע ארבעטער־פירער ווייזן ניט ארויס קיין געהעריגן אינטערעס צו דער אסעמבלי, זאלן שלעכט פארשטאנען ווערן. דערמיט האבן מיר בשום אופן ניט געוואלט זאגן, אז די דאזיגע אידישע פירער האבן ניט קיין אינטערעס אין אידישער פאלקס־אייניגקייט. פארקערט, זייער אינטערעס און זייער קאמף פאר אידישער פאלקס־אייניגקייט האט שוין געבראכט א סך גוטע רעזולטאטן. וואס מיר האבן אבער יא געוואלט זאגן איז, אז פיל אידישע אנטי־פאשיסטישע ארבעטער־פירער האבן נאך ניט איינגעזען גענוי די מעגלעכקייטן פאר אידישער פאלקס־אייניגקייט, וואס ליגן אין דער געפלאנטער אידישער אסעמבלי.

מיר האבן אויך געוואלט זאגן, אז א כך פון די דאזיגע אידישע אנטי־פאשיסטישע ארבעטער־פירער לאזן זיך באאיינפלוסן צופיל פון די שוועריגקייטן, וואס זיי באגעגענען אויפן וועג פון פרובירן אנשליסן די אידישע ארבעטערשאפט אן דער אידישער אסעמבלי. דעריבער טאקע שטרייכן מיר אונטער, אז די מעגלעכקייטן פאר פולשטענדיגער אידישער איינינ־

קייט, וואָס ליגן אין דער געפּלאַנטער אַסעמבלי, זיינען רעאַלע, ניט קיין אויסגעטראַכטע. און כאָטש קיינער קען ניט געבן קיין גאַראַנטיעס, אַז פון דער געפּלאַנטער אידישער אַסעמבלי וועט באמת אַרויסקומען פולשטענדיגע אידישע איינינגקייט, דאַרף מען אָבער טאָפּלט אונטערשטרייכן, אַז עס הענגט אָפּ גענוי טאַקע פון די אַנטי־פאַשיסטישע אידישע אַרבעטער־כחות, אויב ניט אינגאַנצן, איז אין אַ גרויסער מאָס, צו אַנטוויקלען אַזאַ פאָלקס־באַוועגונג צווישן די אידן אין אַמעריקע, אַז פון די מעגלעכקייטן פאַר איינינגקייט דורך דער אַסעמבלי זאָל ווערן אַ ווירקלעכקייט. און דאָס מוזן מיר גלייך אונטערנעמען. און אין דער דאָזיגער אַרבעט דאַרפן אידישע טרעיד־יוניאָן פירער שפּילן די הויפּט און צענטראַלע ראָלע.

עס וואָלט אפשר געווען נויטיג אָנצומערקן נאָך איין זייט פון דער פראַגע. אידישע טרעיד־יוניאָן פירער מוזן זיך אַקטיוו באַטייליגן אין דעם קאַמף פאַר אידישער איינינגקייט דורך דער אידישער אַסעמבלי ניט נאָר וועיל זיי זיינען אידן, נאָר אויך וועיל זיי זיינען אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָניסטן. דאָס הייסט, אַז אויך די ספּעציעלע נויטן פון די אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָנס פאַרלאַנגען מצד די אידישע טרעיד־יוניאָן פירער אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר אידישער איינינגקייט.

עס איז קלאָר, אַז די פאַרשווערערישע אַנטי־סאָוועטישע קליקע אינעם „פאָרווערטס", וועלכע זוכט ניט צו דערלאָזן אידישע איינינגקייט און וועלכע וויל צעשיסן די אַסעמבלי, נוצט אויס די דאָזיגע פאַרשווערונג אויך פאַר אַן אַנדער צוועק. דער צוועק איז צו צעברעכן די איינינגקייט פון די טרעיד־יוניאָנס. דאָס דאַרף שוין זיין קלאָר פאַר יעדן אידישן טרעיד־יוניאָן מיטגליד.

טראַכט זיך אַריין אין דעם כאַראַקטער פון דעם מעקאַ טעמפּל מיטינג, וואָס די פאַרשווערער האָבן ניט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן. דער דאָזיגער מיטינג האָט געהאַט אַ סך צוועקן. דער הויפּט־צוועק, נאַטירלעך, איז געווען אויסצוברייטערן די אַנטי־סאָוועטישע העצע און פאַרזעצן די פאַרשווערערישע קאַמפּאַניע, וואָס גייט אָן אונטער דעם לאָזונג פון צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים. אַ צווייטע אויפגאַבע איז געווען צו צעשפּאַלטן די איינינגקייט פון דעם אידישן פאָלק און ניט צו דערלאָזן די אידישע אַסעמבלי. אָבער זיי האָבן אויך געהאַט דעם צוועק, און זיי האָבן עס קלאָר אויסגעדריקט, אַוועקצולייגן שטיינער אין וועג פאַר דער באַוועגונג פון איינינגקייט צווישן די טרעיד־יוניאָנס פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד. זיי האָבן אויך געהאַט דעם צוועק אַריינצוטראָגן נייע רייסערייען און אויב מעגלעך שפּאַלטונגען אין די יוניאָנס פון דער סי־איי־אָ און אין די יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. די אַלע זאַכן

גייען ביי דער „פארווערטס"־קליקע האנט אין האנט, געקניפט און געבונדן.

אזוי ארום ווערט שוין קלאר, אז אידישע טרעיד־יוניאן פירער מוזן אקטיוו אריינטרעטן אין א פולער מאס אין דעם קאמף פאר אידישער איינינקייט און אין דעם קאמף פאר דער אסעמבלי ניט נאר אלס אידן, נאר אויך אלס טרעיד־יוניאן טוער און ארבעטער־פירער. מחמת דער קאמף פאר אידישער איינינקייט און פאר דער אידישער אסעמבלי איז אויך א מיטל אויף צו העלפן באשיצן די איינינקייט פונעם אמעריקאנער ארבעטער־קלאס, די איינינקייט פון די ארבעטער פון אמעריקע, דעם סאוועטן־פארבאנד און ענגלאנד, פונקט אזוי ווי די איינינקייט פון דעם אידישן פאלק.

דעריבער זאגן מיר, אז איינע פון די צענטראלע אויפגאבן פון אידישע טרעיד־יוניאן פירער און טוער איז אריינצוטרעטן מיטן גאנצן הארצן און מיטן גאנצן כח אין דער באוועגונג פאר אידישער איינינקייט און אין קאמף פאר דעם, אז די אידישע אסעמבלי זאל ווערן דער ארגאן, וואס זאל פארווירקלעכן פולשטענדיגע אידישע איינינקייט אין אמעריקע אלס א טייל פון דער נאציאנאלער איינינקייט פון גאנצן אמעריקאנער פאלק.

סידני הילמאנ׳ס ארויסטריט פאר די האזיגע איינינקייט־צוועקן אויף דער סטעיט־קאנווענשאן פון דער סי־אי־א אין מאסאטשוסעטס איז דעריבער פון זייער גרויס וויכטיגקייט און מוז ענערגיש געשטיצט ווערן פון אונז אלעמען. און דער ארויסטריט פון בען גאלד אויף דער אידישער פאלקס־פארזאמלונג אין קארנעגי האל, וואס איז גערופן געווארן פון דעם קאמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער, האט גלענצנדיג דעמאנסטרירט די איינינקייט־שטעלונג פון די פארטגעשריטענע אידישע ארבעטער און זייערע טרעיד־יוניאן פירער און פון די אנטי־פאשיסטן בכלל.

דאס דארף פארגעזעצט ווערן אויף נאך א ברייטערן אופן און אומעטום. זאלן אלע אידישע ארבעטער און פאלקס־מענטשן ענטפערן די דעפיטיסטן און פארשווערער, דורך דעם, וואס זיי וועלן אין דער רעאליטעט, דורך מעשים העלפן געווינען די מלחמה וואס שנעלער און געבן עפנטלעכן אויסדרוק צו גרייטקייט פארן צווייטן פראנט און זייער ברענענדיגן פארלאנג פאר ענגער פריינטשאפט מיטן סאוועטן־פארבאנד. זאלן אידישע פאלקס־מאסן זיך אנשליסן מיט אלע אמעריקאנער פאטריאטן און מיט דער אמעריקאנער ארבעטערשאפט פאר דער הייליגער זאך פון א שנעלן און זיכערן זיג און פאר דער פארשטארקונג פון דער קאאליציע פון אמעריקע, דעם סאוועטן־פארבאנד און ענגלאנד — פאר דער פאר־

שטאַרקונג פון די פאַראייניגטע מלוכות.

3. די דריטע אויפגאַבע איז צו דעמאַסקירן און איזאָלירן די שונאים און פאַררעטער פון אידישן פאָלק, אונזערע אייגענע לאַוואַלס און קוויזלינגס אין דער „פאָרווערטס"-קליקע און זייערע פאַרבינדעטע. דאָס מוזן מיר טאָן פאַר דעם כבוד פון אונזער פאָלק, פאַר זיין אייניגקייט, פאַר דעם זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות.

מען מוז שטיצן און דערמוטיגן די פירער פון די אַמעריקאַנער אידן, זיי זאָלן ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל געלינגען דער „פאָרווערטס"-קליקע צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די אַמעריקאַנער אידן זיינען פיינטלעך צום סאָוועטן-פאַרבאַנד און צו דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, וועלכע איז געבויט אויף פריינטשאַפט און נאָענטער פאַרבינדונג מיט דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און אויך פאַר אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף אויף די שלאַכטפעלדער.

4. העלפן די אידישע אַרבעטער און זייערע אָרגאַניזאַציעס צו מאַכן דעם גרעסטן מעגלעכן ביישטייער צו דער אייניגקייט פונעם אַמעריקאַנער אַרבעטער-קלאַס און זיין טרייד-יוניאָן באַוועגונג, צו דער אייניגקייט פון די טרייד-יוניאָנס פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד און ענגלאַנד, און צו דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אַמעריקאַנער אייניגקייט.

5. העלפן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג און אַלע פּאַטריאָטישע כחות פונעם אַמעריקאַנער פאָלק צוריקצושטויסן די אַטאַקעס פון די דעפיטיסטן און אַפּיזערס אויף דער מלחמה-פּאָליטיק פון אונזער רעגירונג און צו שטאַרקן די הענט פון דעם פּרעזידענט אָנצופירן די מלחמה ביז פולשטענדיגן זיג.

* * *

צום שלום וואָלט איך בלויז וועלן זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ערליך-אַלטער קאַמפּאַניע פון די אידישע פאַררעטער. די חברה מאַכט זיך טאַמעוואַטע. מיט אומשולדיגע פּנימער פרעגן זיי ביי דעם אידישן עולם אַזאַ פראַגע: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז צוויי אידן און סאָציאַליסטן זאָלן ווערן פריינט פון די פאַשיסטן און פאַררעטער צום אידישן פאָלק? די חברה, משמעות, האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיגע טאַמעוואַטע פראַגע זייערע ווערט פאַרענטפערט און איז פאַרענטפערט געוואָרן זייער איינפאַך טאַקע דורך זיי אַליין.

מען דאַרף זיך בלויז באַקענען מיט דער פאַררעטערישער טעטיגקייט פון די דאָזיגע פאַרשווינען דאָ אין אַמעריקע. און אַז מען טוט דאָס, קריגט מען אַן ענטפער. און דער ענטפער איז: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז די כאַנינס, אַב. קאַהאַנס, ראַגאָפס, אַבראַמאָוויטשעס און דערגלייכן

זאָלן אָנפירן יאָר־איין יאָר־אויס קאַמפּאַניעס און פאַרשוועהרונגען, וואָס זוכן צו צעשמעטערן דעם סאָוועטן־רעזשים און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד? די דאָזיגע חברה זיינען דאָך אידן און זיי רופן זיך סאָציאַליסטן. ווי איז דאָס מעגלעך? דער ענטפער איז: עס האָט געטראָפן, באַווייזט עס, אַז ס'איז מעגלעך.

ווייטער: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז די דאָזיגע פאַררעטערישע באַנדע, וועלכע באַשטייט פון אידן וואָס רופן זיך סאָציאַליסטן, זאָל אין אַ משך פון עטלעכע יאָר האָבן געפירט אַ שפּאַלטערישע און פאַרשוועהרערישע קאַמפּאַניע אונטער דעם לאָזונג, אַז קאָמוניזם און פאַשיזם איז די זעלבע זאַך, און אַז ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן היטלער'ן און סטאַלינ'ען? אייניגע האָבן זיך אפילו דעררעדט צו דעם, אַז אויב עס וואָלט געווען אַן אויסוואַל צווישן היטלער'ן און סטאַלינ'ען, וואָלטן זיי בעסער גענומען היטלער'ן. ווי איז דאָס מעגלעך? זיי זיינען דאָך אידן, וואָס רופן זיך סאָציאַליסטן. דער ענטפער איז: עס האָט געטראָפן, באַווייזט עס, אַז ס'איז מעגלעך.

און אויב מען וויל נאָך פאַרשטיין דעם ענין קלאָרער, דאַרפט איר טאָן דאָס פאָלגנדע: טראַגט אַריבער — מיט אייער פאַרשטעלונגס־קראַפט — די כאַנינס, ראָגאָפס, אַב. קאַהאַנס, אַבראַמאָוויטשעס אויף דער טעריטאָריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין דעם סאַמע מיטן פון דער מלחמה געגן די נאַצים פאַר דעם לעבן און עקזיסטענץ פון דעם סאָוועטישן פאָלק. און וואָס, דענקט איר, וואָלט זיך באַקומען? עס וואָלט זיך באַקומען די פאַררעטערישע טעטיגקייט פון אַלטער און ערליך. אין אַנדערע ווערטער: די פאַררעטערישע און שפּיאָנסקע פאַרשוועהרונגען פון אַלטער און ערליך אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די דורכפירונג אויף סאָוועטישער טעריטאָריע פון דער כאַנין־ראָגאָף־אַב. קאַהאַן־אַבראַמאָוויטש־ליניע פון צעשיסן דעם סטאַלין־רעזשים.

אויב מ'זאָל נאָך אַלץ פרעגן ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך, אַז אידן און „סאָציאַליסטן" זאָלן זיך באַשעפטיגן מיט אַזעלכע פאַררעטערישע פאַרשוועהרונגען לטובת דעם פאַשיזם, איז דער ענטפער: די מענטשן זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן, און כאָטש זיי זיינען געבאָרן געוואָרן אידן, האָבן זיי אויך אויפגעהערט צו זיין אידן, פּונקט ווי לאַוואַל האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פראַנצויז און ווי קוויזלינג האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נאָרוועגער. און אויב צולעצט זאָל מען נאָך פרעגן: ווי אַזוי זיינען די דאָזיגע מענטשן געקומען צו אַזאַ לאַגע? איז דער ענטפער: זייער בלינדער האַס געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זייער בלינדער האַס צו דעם סאָוועטישן סיסטעם, זייער בלינדער האַס צום קאָמוניזם. ווער עס שטעלט זיך אויף דעם וועג און

ווער עס דערלויבט זיך צו אָרגאַניזירן פאַרשווערונגען פון דעם סאָרט, וועלכע שטעלן אין געפאַר די עקזיסטענץ פון אַמעריקע אַזוי גוט ווי דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער דאַרף פאַרשטיין, אַז ער דינט גאַנץ גענוי די אינטערעסן פון היטלער׳ן און פון דעם פאַשיזם.

די פאַרשווערער פון דער „פאָרווערטס״־פירערשאַפט נעמען זיך אונטער צו רעדן אין נאָמען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און פונעם אידישן פאָלק. זיי מיינען, אַז ווייל זייער דובינסקי איז דער פרעזידענט פון אַ גרויסער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס געפינען זיך גרויסע מאַסן אידישע אַרבעטער, דעריבער האָבן זיי אַ רעכט צו זאָגן, אַז זיי דריקן אויס די שטעלונג פון אידישע אַרבעטער. אָבער דאָס איז אַ ליגן. דאָס איז אַ בלוט־בלבול אויפן אידישן פאָלק און אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט. דער פאַררעטער דובינסקי רעדט פונקט אַזוי ווייניג פאַר די אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע אָדער פון זיין אייגענער יוניאָן, ווי די גאַנצע פאַררעטערישע קליקע רעדט פאַר אַלע אַמעריקאַנער אידן. דער ענטפער פון די אידישע אַרבעטער און פון די אַמעריקאַנער אידן אויף דעם דאָזיגן בלוט־בלבול פון דער „פאָרווערטס״־קליקע וועט נאָך קומען. ער דאַרף קומען וואָס שנעלער.

די ערשטע אָנזאָגן פון דעם דאָזיגן ענטפער האָבן מיר שוין. מיר האָבן געהאַט ניט לאַנג צוריק די גלענצנדיגע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע אין קאַרנעגי האָל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דעם קאָמיטעט פון אידישע שרייבער און קינסטלער. דאָרט אויף דעם מיטינג האָט מען געהערט די אמת׳ע שטימע פונעם אידישן פאָלק פון אַמעריקע און פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. אָבער דאָס איז בלויז אַן אָנהויב. מיר האָפן און מיר זיינען איבערצייגט, אַז ברייטערע און גרעסערע כחות אינעם אידישן לעבן פון אַמעריקע וועלן אַרויסטרעטן עפנטלעך און וועלן אין קלאָרע ווערטער אויסדריקן די שטימע פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום און פון די אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. מיר האָפן, אַז זיי וועלן דאָס טאָן וואָס שנעלער און אַז זיי וועלן אויסדריקן דעם אמת׳ן פאַרלאַנג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע. דאָס איז דער פאַרלאַנג פון ענגער פריינטשאַפט, נאָענטער פאַרבינדונג צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף אויף די שלאַכטפעלדער, פון ענגער פריינטשאַפט און מיטאַרבעט צווישן די אַמעריקאַנער אידן און די סאָוועטישע אידן, פון נעענטערער און ענגערער פאַרבינדונג צווישן דער גרויסער קאָאַליציע פון אַמעריקע, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד פאַר דעם זיג איבער אונזערע שונאים און פאַר דער פרייהייט פון אַלע פרייהייט־ליבנדיגע פעלקער צוזאַמען מיט אונזער פאָלק.